פּריש און פלייוואָר

"SALADA"

TEA

איז וואונדערבאר פאר דער דייער שטארקייט און געשמא־קען ריח. דריי הונדערט קאפּס צום פונט. פּראבירט עס.

„אין שטורם פון לעבען"

אריגינעלער העכסט־שפּאנענדער ראמאן פון אידישען לעבען אויף יענער זייט ים.

פון ל. לעוואנדא

איבערזעצט ספּעציעל פאר'ן „אידישען זשורנאל"

(פאָרזעצונג)

איז וואס־זשע בין איך — א אידישע? אומבאַרינגט אזוי. אבער מיט יעדען טאג באקומט דאס ווארט אלץ ווענינער זין ביי מיר. אין אויסלאנד, זאגט מען, באדייט שוין דאס ווארט נאר דאס גלויבען. אונז וועט עס מיט דער צייט געוויס ווערען אויך ביי אונז. אבער דאס גלויבען איז דאך נאר א טייל פונ'ם לעבען, און ניט דאס גאנצע לעבען. מיין מוטער ההיינו, איז א אידישע אינגאנצען, אין פולען זין פון ווארט: לויט דעם גלויבען, באגריפען, געוואוינהייטען, געפיהלען, חאפענונגען און שטרעבונגען. אבער איך בין נאר אויף דער העלפט, אדער נאר דריי־פערטעל פון מיין וועזען? פיעל אנדערע אידישע פרויען, אזעלכע ווי איך, שטעלען זיך אויך געוויס אט די פראגע. מיר פיהלען, אז דער אידישער באדען אונטער אונזערע פיס ווערט אלץ וואקלענדער, מיר פיהלען, אז אונז ווערט אלץ ענגער און אונבאקוועמער אויף דעם באדען. ס'וועט געוויס קומען א מאמענט אמאל, אז אונז וועט שוין אונמעגליך זיין צו האלטען זיך. צו וועמען דאן צושטעהן?

קלעפּען מיר זיך צו ווי גאט גיט: איינער צו איין פאלק, דער צווייטער — צו א צווייטען. מערי איז דערהויפּט א דייטשקע, איך דערהויפּט א פּוילישע, פּערעץ א פראנצויז, בערקאוויטש אן ענגלענדער. קינדער פון איין פאלק. פון איין שטאדט, האבען זיך צוטיילט אויף פארשידענע פעלקער. און אויסגעקומען איז דאס אלץ צופעליג. מערי האט צופעליג אנגעטראפען אין ריגא, איז זי פון דארטען ארויס א דייטשקע, איך בין צופעליג אריינגעפאלען אין א פּוילישען פענסיאן, איז פון מיר ארויס א פּוילישע, פּערעץ האט זיך געוויס צופעליג אנגעשטויסען אויף א גוטען פראנצויזישען לעהרבוך, האט זיך איהם אפּגעגעבען, אז ס'איז איהם לייכט צו ווערען א פראנצויז, און בערקאוויטש זאגט טאקי פּשוט, אז ראבערטסאן האט איהם געמאכט פאר אן ענגלישמאן.

א מאדנע לאגע, א אומנארמאלע, א פאלשע און ניט קיין אנגענעהמע. אין תוך אריין — איז מערי ניט קיין דייטשקע, איך בין ניט קיין פּוילישע, פּערעץ — קיין פראנצויז, און בערקאוויטש — קיין ענגלענדער ניט. אין יעדען פון אונז איז דא נאר איין קערענדיל דערפון, וואס מיר ווילען ארויסדרעהען פון זיך. איך זעה דאס אן זיך זעלבסט. ביים אנאליזירען מיינע געפיהלען, געפין איך איין, אז פון אלץ, וואס איז פּויליש, האב איך ליעב נאר די פּוילישע ליטעראטור, און דאס גאנצע איבעריגע איז מיר גאר פרעמד. איך בין גלייכגילטיג צו די פּאליאקען, צו זייער גורל, זייערע אינטערעסען און זייער פאטערלאנד. ווער איז אין דעם שולדיג — איך, וואס קאן ניט ליעב האבען פּוילען, אדער זיי, וואס האבען ניט געקענט אט די ליעבע ארויסרופען ביי מיר? ס'קלעקט אבער, וואס מיר און זעהר טרויעריג צו שטעלען זיך די פראגע: „ווער בין איך אזוינס?" און ניט געפינען אין מיין הארצען א דירעקטען ענטפער דערויף.

ווי גליקליך זענען אונזערע מוטערס געוועזן, וואס האבען ניט באדארפט ברעכען זיך דעם קאפּ איבער אזעלכע פראגען. זיי האבען געוואוסט, אז זיי זענען אידישע קינדער און גענוג.

5.

דעם 30-טען יולי, 1861.

געפּייניגט פון דער קעלביגער פראגע: „וואס בין איך אזוינס?" בין איך נעכטען אוועק צו מיין מערי'ן צוזאמען מיט איהר פילאזאפירען אביסעל וועגען די ווידערשפּרוכען, אויף וועלכע איך האב זיך אנגעשטויסען אזוי אומגעריכט. מערי איז די איינציגע פון מיינע חבר'טעס, מיט וועלכער מען קאן דיירען ערנסט און אפען. איך האב געמיינט, אז די פראגע, וואס האט מיך פאראינטערעסירט, וועט אויך איהר פאראינטערעסירען.

מערי'ן האב איך געטראפען זעהר אן אומעטיגע, א צורודערטע. זי האט זיך זעהר דערפרעהט מיט מיר, אבער צוגלייך איז קענטיג געווען, אז מיין קומען האט איהר אין עפּעס געשטערט.

— וואס איז מיט דיר, מערי? — האב איך געפרעגט.

— גארניט, — האט זי געענטפערט פארשעהמט: מיר וועלען זיך באלד צושיידען.

— וואס הייסט עס? — האב איך געפרעגט פארוואונדערט.

— איך פאהר אוועק קיין נ. צו דער מוהמען.

— אויף לאנג?

— אפשר, אויף אלע מאל.

— פארוואס עפּעס גאר?

— מ'דארף אזוי.

איך האב ניט געוואוסט פונאנדערצופרעגען איהר מעהר וועגען איהר פּלוצלונגען אפּפאהרען. אין דעם טאן פון איהר ענטפער האב איך דערקענט, אז דא איז עפּעס פארבאהאלטען א פאמיליען־אנגעלעגענהייט, וואס זי דארף עס ניט, אדער זי קאן עס ניט ענטדעקען מיר. מיר זענען געזעסען ביידע אומעטיגע און האבען א לאנגע ווײלע געשוויגען.

— אדאלף וויים, אז דו פאהרסט אוועק? — האב איך זיך ענדליך באשלאסען צו פרעגען מערי'ן.

— אודאי, וויים ער, — האט זי געענטפערט מיט א פארדריקטען זיפץ.

— און ער וואס?

— ער?... ער איז אן אדעלמאן, — האט זי געזאגט מיט א ביטערען שמייכעל.

— וואס באדייט דיין שמייכעל? — האב איך געפרעגט, דערפיהלענדיג אז דא איז עפּעס ניט גלאט.

— מיין שמייכעל באדייט, — האט זי געענטפערט רוהיג, אבער פארביטערט, — אז מיר זענען שרעקליך נאריש, ווען מיר מיינען, אז ביי אונזער פאלק איז אויך מעגליך דאס וואס די גאנצע וועלט רופט אן ליעבע.

— וואס הוסט עס עפּעס?

— א קלייניגקייט. אדאלף האט מיר צוריקגעשיקט מיין ווארט.

— וואס הוסט עס עפּעס?

— ער האט עס מיר ערקלעהרט. ער האט מיר געזאגט: אזוי ווי דו פאהרסט אוועק אויף א אונבאשטימטע צייט, און איך קאן ניט באשטימען די צייט, אונגעפעהר זאגאר, ווען איך זאל זיך קאנען איינארדנען אזוי, ווי איך וויל, האלט איך דעריבער פאר מיין חוב צו באפרייען דיך פונ'ם ווארט, וואס דו האסט געגעבען. אויב דיר וועט זיך אין דער צייט מאכען א רעכטע פארטיע, זאלסטו זיך... ניט אפּזאגען. איך וויל קיין פּרעטענזיעס ניט האבען.

— הייסט עס, אז ער...

— ער האט מיך ניט ליעב? האט מערי איבערגעריסען. — ער זאגט, אז ער האט מיך שטענדיג געליעבט און וועט מיך אייביג ליעבען. און דוקא דערפאר, וואס ער האט מיך אזוי אמת'דיג ליעב, דארף ער ניט שטערען מיין גליק. ווי געפעלען דיר אזעלכע פשט'לאך? ווי געפעלט דיר עפּעס די אמת'דיגע ליעבע מיט די פּראקטישע חשבונות? ניין, סאפיע, מעגסט זיך זאגען, וואס דו ווילסט, מיר, אידען, זענען נאר אנדערש באשאפען געווארען. דארט, וואו אנדערע מענשען פיהלען מיט'ן הארצען, טראכטען מיר נאר מיט'ן קאפּ און מאכען חשבונות. אנשטאדט דאס פייערדיגע געפיהל איז ביי אונז א נוט־אויסגעניכטערטע קאמבינאציע. ביז איצט האב איך אלץ געהאט געגלייבט, אז מיר מיט אדאלפ'ן בינדט צוזאמען ליעבע, די אמת'דיגע ליעבע, וואס ווערט אזוי פּרעכטיג באשריבען אין די ראמאנען און וועלכע מיר באגעגנען אזוי אפט צווישען קריסטען. איצט אבער זעה איך און איך בין אין דעם פאלשטענדיג איבערציינגט, אז דא זענען נאר געווען חשבונות סאמע קאמערציעלע. מיר האבען זיך ניט געליעבט, נאר מיר זענען ביידע צופריעדען געווען פון דער געשעפטליכער קאמבינאציע, וואס האט זיך אונז אפּגערוכט פאר זעהר א לוינבארע. און ווי איז עס אונז גאר ניט מיאוס געווען אזא געוועהנליכען שטיקעל עסק אנצורופען מיט אזא נאמען, מיט, וועלכען די מענשהייט האט פארקניפּט די סאמע הויכע באגריפען.

— מערי, דו מאכסט בלבולים אויף זיך אליין, — האב איך אויסגעשריען, א דערשראקענער פאר איהרע מאדנע געדאנקען.

— ניין, ניט קיין בלבולים, דאס איז דער ריינער אמת, — האט זי זיך געהיצט. — איך וועל עס דיר גלייך אויפווייזען לאגיש, פאקטיש, ווי צוויי מאל צוויי. הער נאר, מאזירסקי'ן קענסטו?

— יא.

— קענסטו איהם גוט?

— דוכט זיך, אז גוט.

— ווייסטו דאך, אז אן אין פאר זיך, איז ער ניט נאר ניט ערגער, נאר צעהן מאל בעסער פון אדאלפ'ן. ער איז ניט קיין מיאוס'ער, ער איז קלוג, געבילדעט, עהרליך און פיין, און ארבייטספעהיג, מיט איין ווארט, זעהר א ווירדיגער יונגער מענש. און פונדעסטוועגען האב איך מיך, ווי מען זאגט, פארליעבט ניט אין איהם נאר אין אדאלפ'ן. פארוואס איז עס עפּעס אזוי, סאפיע? ווי רעכענסטו, הא?

— דו שטעלסט מיר גאר מאדנע פראגען, מערי. מ'קען דען ענטפערען אויף אזעלכע פראגען?

— מ'קאן. איך וועל עס דיר גלייך ערקלעהרען. דאס איז פּשוט דערפאר, וואס מאזירסקי, ביי אלע זיינע גוטע מעלות, איז דאך ניט מעהר ווי אן ארימער אידישער לעהרער. וואס איז דא פאר א צוקונפט? ער קאן הארעווען און האבען קוים צום לעבען. אן ארים באטש אן עהרליך לעבען באפרידיגט אונז ניט. מיר ווילען דעם גלאנץ אין לעבען, לוקסוס. דאן האב איך אויסגערעכנט, ד. ה. אייגענטליך האב איך גאר קיין חשבונות ניט געמאכט, נאר דער אינסטינקט האט מיר אונטערגעזאגט, אז דער עהרליבער, הארעפּאשנער, אבער ארימער מאזירסקי איז פאר מיר קיין פּאר ניט און ס'לוינט מיר דעריבער ניט איהם ליעב צו האבען. איך האב זיך פארליעבט אין אדאלפ'ן, באטש ער קומט ניט צו מאזירסקי'ן אין פיעל פּרטים, דערפאר אבער איז ער פון א רעכטער פאמיליע, ער איז רייך, קורץ — ס'איז אן אנשטענדיגע פארטיע. אדאלף ווידער האט זיך געהאט זיין חשבון. איך בין פון א פיינער פאמיליע, כ'האב א צעהן טויזענט נדן, און וועל נאך אפשר זיין די יורש'טע פון מיין רייכער מוהמע אין נ. וואס האט קיין קינדער ניט. ווי זשע זאל מען עס מיך ניט ליעב האבען? מיר איז אבער אינטערעסאנט, ווי וואלט זיך עס אדאלף אפּגערופען אויף דער ליעבע. ווען מיר זאגען... נו, באטש פון שרה טעמקעס, א שעהן, פיין מיידעל, אהן צעהן טויזענטער נדן און אהן א רייכער מוהמע צוגאב? איך בין איבערציינגט, אז אדאלף קאן ניט ליעב האבען אזא „סוביעקט"! איצט איז דיר שוין קלאהר וואס הייסט אונזערם, אזוי גענאנטע ליעבע?

(ווערט פארגעזעצט)

CANADIAN PACIFIC

שיפסקארטען

פאהרט נאך יוראפּ דורך די

קענעדיען פאסיפיק שיפען

דירעקטע שיפסקארטען, נאך און פון פוילען, רומעניען, ליטא, לאטוויא, עסטרייך, דייטשלאנד, רוסלאנד, איטאליען יוגא און טשעכא סלאוואקיע אונגארן, פראנקרייך און בעלגיען. יעדער אימיגראנט ווייסט דאס די קענעדיען פאסיפיק גיט סערוויס און צופרידענהייט. נאכפרעגען ביי אונזערע אויטארא־זירטע לאקאלע אגענטען.

רושיי. אי. פארקער

גענעראל אגענט — פאסאזשיר דעפּארטמענט.

1 קינג סטריט איסט, טאראנטא

ערעלייד 2105

א נייע האמבורג-אמעריקאן שיף פון דער „אלבערט באלין" מאדעל

וועט הייסען ס. ס. האמבורג

לויט א באריכט וועלכען דזשוליוס פ. מייערס, דער אמעריקאנער פארטרעטער פון דער האמבורג-אמעריקאן ליניע האט ערהאלטען פון זיין קאמפאניע אין האמבורג, האבען זיי באשטעלט א דריטע שיף פון דער „אלבערט באלין" מאדעל, און וועלכע ווערט יעצט געבויט אינ'ם בארימטען שיף־יארד פון בלום און וויים אין האמבורג.

די גרויסע ערפאהרונג וועלכע די האמבורג אמעריקאן ליניע האט געהאט מיט איהרע צוויי שיפען „אלבער באלין" און „דייטשלאנד", וועלכע זענען אזוי פאפּולער צווישען די פאסאזשירען וועלכע פאהרען נאך און פון איירפּא, צוליעב דער וואונדערבארער אקאמאדאציע אויף די דאזיגע שיפען, האט ערמוטיגט די דירעקטארען פון דער קאמפאניע צו בויען נאך אזא שיף ווי די פריהערדיגע צוויי.

טראצדעם וואס דער אלגעמיינער פּלאן פון דער נייער שיף ווערט נאכגעפאלגט, פונקט אזוי ווי פון די צוויי פריהערדיגע שיפען, דאך וועלען געמאכט ווערען געוויסע אויסבעסערונגען אין דער נייער שיף. פיעלע צימערען וועלען געמאכט ווערען גרעסער, און די „גריל רום" וועלכע איז אזוי פאפּולער צווישען די פאסאזשירען, וועט זיין אויפ'ן באאט דעק, און אויפ'ן פּראמענאד דעק וועלען זיין נאך פאסאזשיר צימערען.

די סיסטעם פון דר. פארעסטערס בולגס, צוזאמען מיט פרעהמ'ס אנטי ראלינג טענקס, ווערט אנגעווענדעט ביי דער בויאונג פון דער שיף. די סיסטעם וועלכע האט געמאכט די „אלבערט באלין" און די „דייטשלאנד" אזוי פאפּולער פאר זייער שטילקייט אויפ'ן וואסער.

מיט א גראס טאן פון 21,000, 600 פוס לאנג, 75 פוס ברייט און זיבען פאסאזשירען דעקען, וועט די נייע שיף האבען פּלאץ פאר 225 ערשטע קלאס פאסאזשירען, 475 צווייטע קלאס, און 560 דריטע קלאס פאסאזשירען. זי וועט אויך פיהרען ארום 10,000 טאן פראכט און וועט געהן מיט א שנעלקייט פון זעבצעהן נאטס א שטונדע, אזוי אז זי וועט מאכען די רייזע ביז די קאנאל פּארטען פון 8 ביז 8 און א האלבען טאג, און ביז האמבורג אין ארום 9 און א האלבען טאג. זי וועט געטריבען ווערען פון אויל אינדזשענס.

זי וועט הייסען „האמבורג" און וועט אנפאנגען צו פאהרען צווישען האמבורג און ניו יארק אין מאי 1926. דאס וועט זיין א גוטער צוגאב צו דער פאראייניגטער ליניע פון די יונייטעד אמעריקאן ליניעס (הערימאן ליניע, און די האמבורג אמעריקאן ליניע), וועלכע האבען אזעלכע באוואוסטע שיפען ווי „רעזאלוט", „רילייענס", „אלבערט באלין" און „דייטשלאנד", וועלכע פיהרען ערשטע, צווייטע און דריטע קלאס פאסאזשירען, און די פאפּולערע איין קלאס קאבין שיפען, די „קליוולאנד", „וועסטפאליען", „טורינגיא" און „מאונט קלעי".



דזשילעט'ס לאי ווערט גענוצט פאר קלינינג און דיזינפעקטען סינקס, דריינס, א. א. וו. פאר מאכען אייערע איינענע לאנדרי זייף און צענדליגע אנדערע צוועקען. פולע דירעקשאנס מיט יעדען קען.

קענען קויפען גענוצטע פערדס מיט גאראנטיע

אמאליגע יאהרען אז מען האט געקויפט א פערד איז עס געווען ניט מעהר ווי א שאנס זאך, האט זיך דאס פערד ארויסגעוויזען צו זיין גוט האט זיך דער קויפער געפרעהט, און פארקעהרט, האט זיך דער קויפער געפיהלט אפּגענארט.

דאס זעלבע איז געווען אין באצוג צו אן אלטען אויטאמאביל. אויב דער אויטאמאביל האט זיך ארויסגעוויזען ניט צו זיין אזוי גוט ווי דער קויפער האט ערווארטעט, האט ער זיך געפיהלט ניי דערגעשלאגען און אפּגענארט.

די פארד מאטאר קאמפאניע האט גענוי באטראכט די דאזיגע סיטואציע און האט איינגעפיהרט א סיסטעם לויט וועלבע „סעקאנד הענד" פארד• קארס ווערען גאראנטירט פאר א יאהר, און אויך אז דער קויפער זאל ניט אפּגענארט ווערען.

ווען איינער קויפט צוליעב עקאנאמיע א גענוצטען פארד, וועט דער קויפער זיין זיכער אז ער וועט ניט אפּגענארט ווערען.

די פארד מאטאר קאמפאניע האט איינגעפיהרט א סיסטעם לויט וועלבער דער קויפער וועט קענען זעהן די ריכטיגע פרייז וועלבע דער דיעלער האט באצאהלט פאר דער גענוצטער קאר און וויפיעל די קאר האט געקאסט צו פאריכטען און שטעלען זי אינ'ם זעלבען גוטען צושטאנד, זי זאל זיין גוט צו נוצען.

א ליסט פון פרייזען ווערט צוגעשיקט צו יעדען פארד דיעלער און עס וועט ניט זיין מעגליך אז ווער עס־איז זאל אפּגענארט ווערען ביים קויפען א גענוצטע קאר.

דאס פובליקום קען קויפען גענוצטע פארד קארס מיט'ן פולען צוטרויען אז די קויפען עטוואס, וואס איז גאראנטירט, פונקט ווי יעדער פארד.

ווי אזוי ער האט ענטדעקט די בעסטע רפואה פאר פארשטאפּונג

מר. דזשאזעף פ. גלאס פון ברוקלין, נ. י., שרייבט: „איז די לעצטע 20 יאהר האב איך שטענדיג געליטען פון פארשטאפּונג. יעדער רפואה וועלכע איך האב גענומען האט געארבייט פאר א ווײלעלע אבער עס האט באלד אויפגעהערט. די איינציגע רפואה וועלכע איך האב געקענט שטענדיג נוצען מיט גוטע רעזולטאטען זענען געווען קארטער'ס ליטל ליווער פּילס. איך דארף מיר ניט פארשטעלען ווען איך נעהם זיי — איך ווייס אז איך וועל נאכדעם פיהלען בעסער." 25 סענט אין אלע דראג סטארס.

עס איז שוין אין דרוק

און דעם 15-טען מאי וועט ערשיינען

דאס גרויסע ווערק

די ערשטע קאנאדיש

אידישע געשיכטע

„דער איד אין קאנאדע"

פון

א. ריינוויין

רעדאקטאר פון „זשורנאל"

דאס בוך וועט האבען 244 זייטען, און איז רייך אילוסטרירט

פרייז $2.00

קיין עקסטרא פאר פאסט

שיקט צו זאפארט אייערע באשטעלונגען אין אפיס פון „זשורנאל", 251 קווין סטריט וועסט

THE HEBREW JOURNAL

251-3 QUEEN ST. W. TORONTO ONT.